**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/30/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער פליטים וועלכע זוכן צו באקומען אסיילום**

"פריער היינט האב איך זיך געטראפן, פאר מער פון צוויי שעה, מיט הויכראנגיגע מיטגלידער אין דיביידן אדמיניסטראציע אין די מערב פליגל פון דעם ווייסן הויז פאר אן אפענע און פראדוקטיווע שמועס איבער וויאזוי די פעדעראלע רעגירונג קען און מוז צושטעלן נאך שטיצע פאר די מענטשן פון ניו יארק אזוי ווי מיר ארבעטן צו אדרעסירן די אנגייענדע אריינפלוס פון פליטים וועלכע ווילן באקומען פליט סטאטוס ('אסיילום') און מיגראנטן. מיר האבן זיך קאנצענטרירט אויף א צאל פון באלדיגע און ממשיות'דיגע שריט, אריינרעכנענדיג עטליכע וועלכע וועלן ערלויבן מער מענטשן צו ארבעטן לעגאלערהייט אין די פאראייניגטע שטאטן און אזוי אויך לאנג-טערמיניגע שריט צו ברענגען אן ענדע צו די קריזיס.

אזוי ווי ניו יארקער ווייסן איז דאס פארזיכערן פארשנעלערטע ארבעט אויטאריזאציע פאר פליטים און מיגראנטן געווען – און פארבלייבט – מיין הויפט פריאריטעט. עס איז די איינציגסטע וועג צו העלפן פליטים ווערן זעלבסטשטענדיג כדי זיי זאלן זיך קענען אריינציהען אין פערמאנענטע הייזער. עס דערפרייט מיך באזונדער אז די פעדעראלע רעגירונג האט צוגעשטימט צו צושטעלן איינגעשטעלטע, אינפארמאציע און מיטלען צו אידענטיפיצירן די טויזנטע מענטשן אין ניו יארק וועלכע זענען שוין בארעכטיגט פאר ארבעט אויטאריזאציע אבער האבן נאכנישט אפּלייט דערפאר.

דאס איז א קריטישע ערשטע טריט אבער מאכט נישט קיין טעות: עס איז נישט גענוג צו אדרעסירן די קריזיס אדער צו צושטעלן די שטאפל פון שטיצע וואס ניו יארקער דארפן און וואס עס קומט זיך זיי. דאס איז די סיבה פארוואס אין די בעפארשטייענדע טעג וועל איך פארזעצן צו ארבעטן צו פארזיכערן פארשנעלערטע ארבעט אויטאריזאציע פאר אפילו מער מענטשן, פארברייטערטע פינאנציעלע שטיצע פאר ניו יארק און אימיגראציע רעפארמען וואס וואלטן שוין פון לאנג געדארפט אריבערגיין. איך בין דאנקבאר פאר דעם ווייסן הויז פאר צושטימען צו פארזעצן מיט די פראדוקטיווע דיסקוסיעס און פאר פארשטערקערן די שותפות אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג זיך צו אפרופן צו די קריזיס."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן